**וואוינארט און קאמיוניטי באנייאונג**
**(Homes and Community Renewal)**
**אפיס פון רענט אדמיניסטראציע**

NEW YORK STATE OF OPPORTUNITY.

# פאקט בלאט פאר אייגנטומערס פון בנינים: האוזינג רעכטן פון אויסלענדיש-געבוירענע טענענטס

3 בלעטער

**אריינפיר**

ניו יארק סטעיט האט געגרינדעט אן עדיוקעישענעל קאמפיין פאר בנינים אייגנטומער און טענענטס איבער די רעכטן פון טענענטס וואס זענען אימיגראנטן. דער פאקט בלאט איז צו לאזן וויסן אייגנטומער איבער די געזעצן וועגן דיסקרימינאציע, הערעסמענט און נקמה בנוגע טענענטס וואס זענען אימיגראנטן.

**עס איז אומלעגאל צו דיסקרימינירן קעגן טענענטס** – דער פעדעראלע יושר'דיגע האוזינג אקט און ניו יארק סטעיט מענטשליכע רעכטן געזעץ מאכט עס אומלעגאל פאר אן אייגנטומער אדער אן אייגנטומער'ס שליח צו דיסקרימינירן קעגן טענענטס באזירט אויף געוויסע באשיצטע אייגנשאפטן, ווי ראסע, גלויבן, קאליר, דיסאביליטי, נאציאנאלע אפשטאם, געשליכטליכע אריענטאציע, מיליטערישע סטאטוס, עלטער, מין, הייראט סטאטוס אדער פאמיליאלע סטאטוס (די אנוועזנהייט פון אינגע קינדער אין דעם הויזגעזונד). אויך, געוויסע לאקאלע געזעצן, ווי די ניו יארק סיטי מענטשליכע רעכטן געזעץ, מאכן עס אויך אומלעגאל צו דיסקרימינירן קעגן טענענטס באזירט אויף זייער אויסלענדישקייט אדער בירגערשאפט סטאטוס.

די געזעצן מאכן עס אומלעגאל צו, צווישן אנדערע דיסקרימינירנדע שריט, (1) אנטזאגן צו דינגען, פארקויפן, פינאנסירן, אינשור'ן אדער פארהאנדלען באזירט אויף געוויסע באשיצטע אייגנשאפטן; (2) אוועקשטעלן אנדערע באדינגונגען און תנאים אדער צושטעלן נישט גלייכע סערוויס באזירט אויף געוויסע באשיצטע אייגנשאפטן; (3) מאכן, דרוקן, פאבליצירן אדער פארשפרייטן דיסקרימינאטירנדע דערקלערונגען אדער רעקלאמעס; (4) מאכן פאלשע פרעזענטירונגען וועגן די עוועילעביליטי פון דירות באזירט אויף געוויסע באשיצטע אייגנשאפטן; (5) שטערן, צווינגען אדער דערשרעקן די וואס ווילן געניסן פון זייערע רעכטן; (6) האראס'ן, דראען, דערשרעקן אדער צווינגען א טענענט באזירט אויף געוויסע באשיצטע אייגנשאפטן; און (7) נקמה נעמען קעגן א טענענט פאר פרובירן צוריקצובאקומען זיינע אדער אירע רעכטן.

עס איז אומלעגאל פאר אן אייגנטומער אדער אן אייגנטומער'ס שליח צו דיסקרימינירן קעגן א טענענט אפגעזען פון די טענענט'ס אימיגראציע סטאטוס. צום ביישפיל:

- אן אייגנטומער וואס אנטזאגט זיך פון פארדינגען א דירה פאר א טענענט ווייל דער טענענט איז פון מעקסיקאנער אפשטאם וועט זיין אין פארלעצונג פון די געזעץ. דער טענענט איז בארעכטיגט צו לעגאלע הילף אפגעזען פון זיין אדער איר אימיגראציע סטאטוס.
- אן אייגנטומער וואס פארלאנגט נאר הונטערגרונד אינפארמאציע און באווייז פון בירגערשאפט סטאטוס פון מענטשן פון דרום אזיאנער אפשטאם און נישט פון אלע אנדערע וועט זיין אין פארלעצונג פון די געזעץ. די מענטשן זענען בארעכטיגט צו לעגאלע הילף אפגעזען פון זייערע אימיגראציע סטאטוס.
- אן אייגנטומער וואס רעכנט א העכערע רענט אדער פארזיכערונג איינצאל פון מענטשן פון אפריקאנער אפשטאם וועט זיין אין פארלעצונג פון די געזעץ. די מענטשן זענען בארעכטיגט צו לעגאלע הילף אפגעזען פון זייערע אימיגראציע סטאטוס.

**עס איז אומלעגאל צו האראסן טענענטס** - טענענט הארעסמענט דורך אן אייגנטומער איז א וועג פון אויפירונג געאייגענט צו צווינגען א טענענט ארויס פון זיין/איר אפארטמענט, אדער צו מאכן אז א טענענט זאל אויפגעבן רעכטן געשאנקן צום טענענט דורך די רענט סטאביליזאציע געזעץ אדער רענט קאנטראל געזעץ. אן אייגנטומער, אדער איינער וואס ארבעט פארן אייגנטומער, מעג זיך נישט אריינמישן אין א טענענט'ס פריוואטקייט, באקוועמליכקייט, אדער שטילע הנאה. דאס שליסט איין אפשניידן אדער פארמינערן סערוויסעס, אויסשפארן א טענענט פון זיין אדער איר דירה, אדער סטראשען א טענענט אין א וועג אים אדער איר צוצוברענגען צו אויפגעבן די דירה.

עס איז אומלעגאל פאר אן אייגנטומער אדער אן אייגנטומער'ס שליח צו האראס'ן א טענענט אפגעזען פון דער טענענט'ס אימיגראציע סטאטוס. צום ביישפיל:

- אן אייגנטומער וואס לעשט אויס א טענענט'ס הייצונג אין די ווינטער וועט זיין אין פארלעצונג פון די געזעץ. דער טענענט איז בארעכטיגט צו לעגאלע הילף אפגעזען פון זיין אדער איר אימיגראציע סטאטוס.

**עס איז אומלעגאל זיך צו נוקם זיין קעגן טענענטס** – דער געזעץ באשיצט טענענטס פון נקמה. עס איז אומלעגאל פאר אן אייגנטומער זיך צו נוקם זיין קעגן א טענענט ווייל א טענענט האט אריינגעגעבן א קלאגע און געזוכט לעגאלע הילף.

**אויסלענדיש-געבוירענע מענטשן וואס זענען רענט רעגולירטע טענענטס מוזן ווערן באהאנדלט די זעלבע וועג ווי אנדערע רענט רעגולירטע טענענטס** – טענענטס וואס לעבן אצינד אין רענט סטאביליזירטע אדער רענט קאנטראלירטע דירות זענען בארעכטיגט צו נאך באשיצונגען אונטער ניו יארק געזעץ.

רענט קאנטראל געזעצן באגרעניצט דער רענט וויפיל אן אייגנטומער מעג רעכענען פאר א דירה און באגרעניצט דער רעכט פון סיי וועלכער אייגנטומער צו ארויסווארפן טענענטס. רענט קאנטראל טענענטס זענען אויך בארעכטיגט צו באקומען וויכטיגע סערוויסעס. די באשיצונגען עקזיסטירן אפגעזען פון דער רענט קאנטראל טענענט'ס אימיגראציע סטאטוס. צום ביישפיל:

- אן אייגנטומער וואס העכערט דער רענט אין א וועג וואס איז אומאייניג מיט די רעגולאציעס, וועט זיין אין פארלעצונג פון די געזעץ. דער טענענט איז בארעכטיגט צו לעגאלע הילף אפגעזען פון זיין אדער איר אימיגראציע סטאטוס.

רענט סטאביליזאציע געזעצן שטעלן צו שוץ צו טענענטס אין די פארעם פון באגרעניצונגען אויף די סומע פון רענט, א בארעכטיגונג צו באקומען נויטיגע סערוויסעס, דער רעכט צו האבן זייערע ליעסעס באנייט און א באשיצונג פון עוויקשען אויסער צוליב סיבות ערלויבט לויט די געזעץ. די באשיצונגען עקזיסטירן אפגעזען פון דער רענט סטאביליזירטע טענענט'ס אימיגראציע סטאטוס.

**עס איז אומלעגאל פאר אן אייגנטומער צו פארלאנגען א רענט סטאביליזירטע טענענט צו ארויסגעבן אימיגראציע סטאטוס אינפארמאציע אדער א סאושעל סעקיוריטי נומער אלץ א תנאי צו באנייען זייער ליעס.**

אנדערע ביישפילן:

- אן אייגנטומער וואס סטראשעט אימיגראנט טענענטס מיט עוויקשען צוליב א גרונדלאזע אורזאך אדער רעכנט צו איבעריגע קאסטן אין א פרואוו זיי צו ארויסווארפן פון זייערע רענט רעגולירטע דירות וועט זיין אין פארלעצונג פון די געזעץ. די טענענטס זענען בארעכטיגט צו לעגאלע הילף אפגעזען פון זייער אימיגראציע סטאטוס.
- אן אייגנטומער וואס אנטזאגט זיך פון אנהאלטן א טענענט'ס ספעציעלע רענט ווייל דער טענענט איז אן אויסלענדישע אדער א מיטגליד פון א באשיצטע גרופע וועט זיין אין פארלעצונג פון דער געזעץ. דער טענענט איז בארעכטיגט צו לעגאלע הילף אפגעזען פון זיין אדער איר אימיגראציע סטאטוס.

פאר נאך אינפארמאציע איבער די געזעץ וואס דעקט רענט רעגולירטע דירות, זעה די ניו יארק סטעיט היימען און קאמיוניטי באנייאונג'ס אפיס פון רענט אדמיניסטראציע פאקט בלאט #1, רענט סטאביליזאציע און רענט קאנטראל, וואס קענען געפונען ווערן אויף www.hcr.ny.gov.

## פראגעס?

אויב איר זענט דער אייגנטומער פון רענט רעגולירטע יוניטס און האט פראגעס, פארבינדט זיך מיט ניו יארק סטעיט היימען און קאמיוניטי באנייאונג אפיס פון רענט אדמיניסטראציע. פארבינדונג אינפארמאציע פאר אפיס פון רענט אדמיניסטראציע קען מען געפונען ביי די ענדע פון דער פאקטן בלאט.

פאר נאך אינפארמאציע, גייט צו די וועבסייטס פון דער אפיס פון נייע אמעריקאנער
www.newamericans.ny.gov

אדער ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון יומען רעכטן:
www.dhr.ny.gov

**רענט קאנעקט:**
rent.hcr.ny.gov

**פרעגט א פראגע:**
portal.hcr.ny.gov/app/ask

**פאר איבערזעצן הילף.**
hcr.ny.gov/language-accessibility

**אונזער וועבסייט:**
hcr.ny.gov/rent

**צו באזוכן א בארא רענט אפיס, <u>בלויז מיט אן אפוינטמענט</u>, ביטע פארבינדט אייך מיט:**

**QUEENS**
92-31 Union Hall Street
6'טע שטאק
Jamaica, NY 11433
718-482-4041

**UPPER MANHATTAN**
163 W. 125th Street
5'טע שטאק
New York, NY 10027
212-961-8930

**BRONX**
1 Fordham Plaza
4'טע שטאק
Bronx, NY 10458
718-430-0880

**BROOKLYN**
55 Hanson Place
6'טע שטאק
Brooklyn, NY 11217
718-722-4778

**LOWER MANHATTAN**
25 Beaver Street
New York, NY 10004
212-480-6238

**WESTCHESTER**
75 South Broadway
3'טע שטאק
White Plains, NY 10601
914-948-4434